**יעקב** (ברכות כו, ב), און] תפלת מוסף איז כענין יוסף, "יוסף ה' לי בן אחר" - זאגט יעדערער דער פרשת הנשיא.

וכאמור, סיי בנוגע צו זיך, און סיי בנוגע צום זולת.

**טז.** וואס דורך כ"ז ווערט אויפגעטאן דער ענין המשכן והמקדש, וואס דארט איז מען מקריב די קרבנות וכו', און די קרבנות ווערן נתקבל.

און עס ווערט די הכנה אויף דעם ביהמ"ק השלישי, וואס דעמלאס וועלן זיין שבעת ימי המילואים, וואס זיי וועלן זיך אנהויבן בר"ח ניסן, כמבואר בנבואת יחזקאל, אויף משך זיבן טעג.

[וואס דאס איז א חילוק צווישן דער חנוכת המשכן און חנוכת ביהמ"ק דלעתיד, אז בא חנוכת המשכן איז געווען קרבנות הנשיאים י"ג יום, און לעתיד וועט זיין שבעה ימים פון חנוכת המקדש].

און וועלן זיך ענדיקן בשביעי לחודש ניסן, היינטיקן טאג.

וכאמור, עס ווערט די הכנה אויף די שבעת ימי המילואים בביהמ"ק השלישי,

וואס דאס אלץ ווערט דורך מעשינו ועבודתינו (תניא רפל"ז), בשמחה ובטוב לבב אין אן אופן פון מנוחת הנפש וואס ברייגנט צו מנוחת הגוף, און עס קומט ארויס בהצלחה רבה ומופלגה,

וואס דורך דעם ווערט דער "אחישנה" אין דער "אחישנה" (ראה סנהדרין צח, סע"א), פון די גאולה, וויבאלד עס קומט דורך עבודת האדם,

במהרה בימינו ממש.

* * *

**יז.** רובו ככולו פון האמור לעיל איז שייך בכל שנה ושנה; נוסף לזה איז דא די הדגשה מיוחדת האמורה לעיל, וואס בשנה זו איז דער זעלבער קביעות אויך בימי השבוע ווי אין דעם יאר פון הקמת המשכן,

ונוסף לזה - קומט צו אין דערויף בשנה זו אז יום השביעי, דער טאג ווען עס האט מקריב געווען דער נשיא לבני אפרים, איז ביום השבת.

**יח.** עס פרעגט זיך די שאלה:

דער קרבן הנשיא איז דאך געווען א קרבן יחיד - איז ווי האט מען דאס מקריב געווען בשבת, קרבנות היחיד זיינען דאך ניט דוחה את השבת?

זיינען דא פשטנים (ראה ראב"ע עה"פ נשא ז, מח), וואס זיי ארט ניט צו לערנען, אז מ'האט בשבת טאקע ניט מקריב געווען: יעדער נשיא האט טאקע מקריב געווען אין א באזונדער טאג, ניט צוויי אין איין טאג, כמ"ש "נשיא אחד ליום נשיא אחד ליום", אבער פון דעם יום הראשון ביז שבת האט מען מקריב געווען יום אחר יום, אבער ביום השביעי, יום השבת, האט מען ניט מקריב געווען (קיינע קרבנות היחיד, כולל) דעם קרבן הנשיא, און דער נשיא לבני אפרים האט מקריב געווען מיט א טאג לאח"ז.

אבער פון שו"ע אדה"ז איז פארשטאנדיק ועד"ז שטייט אין דרושי חז"ל אז די נשיאים האבן מקריב געווען יום אחר יום, כולל אויך ביום השבת -


הנחה פרטית בלתי מוגה

קערט זיך אום די שאלה: ווי האט דער נשיא לבני אפרים געקאנט מקריב זיין זיין קרבן ביום השבת - ס'איז דאך א קרבן היחיד וואס א קרבן יחיד איז ניט דוחה שבת?

**יט.** אין דברי חז"ל געפינט מען צוויי אופנים בזה:

אין פסיקתא שטייט (ראה גם במדב"ר פי"ג, ב בסופו), אז מ'האט מקריב געווען בשבת, אבער ס'איז טאקע געווען ניט מתאים; אין במדבר רבה שטייט להיפך - אז מ'האט מקריב געווען בשבת און ס'איז דורך דעם צוגעקומען א געוואלדיקער עילוי: דער אויבערשטער האט דערביי געזאגט "לא על פיו עשה **שאני אמרתי** כו'".

און דער מדרש (שם פי"ד, ב), איז מבאר, אז דאס וואס אפרים האט זוכה געווען צו דער עילוי פון מקריב זיין בשבת איז דאס אלס שכר אויף דעם וואס יוסף האט אפגעהיט שבת: וויבאלד אז יוסף האט אפגעהיט שבת ווי עס שטייט (מקץ מג, טז), "וטבוח טבח **והכן**", וואס "והכן" דער ענין ההכנה איז שייך דוקא אויף סעודת שבת, א סעודה חשובה (מדרש שם).

[ווי דער דין הידוע (ביצה ב, ב. וש"נ. רמב"ם הל' יו"ט פ"א הי"ט. טושו"ע ואדה"ז ר"ס תקג), אז בנוגע צו סעודת שבת ויו"ט איז דא דער גדר פון הכנה והזמנה, און דערפאר טארן די סעודות ניט מוכן ווערן בשבת ויו"ט, שבת טאר ניט מכין זיין אויף יו"ט, און יו"ט טאר ניט מכין זיין אויף שבת, משא"כ בנוגע צו סעודת חול איז דאס אנדערש בכמה פרטים, דערפאר וואס סעודות שבת ויו"ט זיינען סעודות חשובות, איז דוקא בא זיי שייך דער ענין וגדר פון הכנהו.

און דאס איז טאקע די ראי' פון מדרש - אז וויבאלד אז עס שטייט "והכן", און מ'ווייס עס דוקא אויף סעודת שבת (ויו"ט) איז שייך הכנה, כנ"ל - איז א ראי' אז "והכן" רעדט וועגן סעודת שבת, א סעודה חשובה].

ד.ה. אז ער האט מדייק געווען און זיך משתדל געווען אויף צוגרייטן אויף שבת און דערנאך היטן שבת - האט מען אים געגעבן דער שכר אז בנו יקריב בשבת, ביז צו דעם עילוי הנ"ל "אני אמרתי כו'".

**כ.** עס איז דא א ביאור פון דעם ראגאטשאווער (צפע"נ לרמב"ם הל' תרומות פ"א ה"א (ד,ב) (הובא בצפע"נ לרמב"ם הל' מעה"ק פ"ב הט"ו)), וואס זאגט א סברא אין דעם וואס קרבנות הנשיאים קען מען מקריב זיין בשבת, אז דאס איז דערפאר וואס א שבט ווערט אנגערופן א קהל (הוריות ה,ב), איז וויבאלד אז דער נשיא האט מקריב געווען צוליב'ן גאנצן שבט - וואס אפילו אויב ער האט מקריב געווען משלו, איז דאס אבער דערנאך געווארן שייך, און צוליב דער גאנצער שבט (ראה פירש"י עה"פ נשא ז, יב), דעריבער האט זיין קרבן דער גדר פון א קרבן פון א קהל, א קרבן ציבור, ובמילא איז דאס דוחה שבת.

און דערנאך פירט ער אויס אז טאקע אנדערע שבטים זיינען איקרי קהל, ובמילא זיינען די קרבנות זייערע קרבנות ציבור, אבער שבט **אפרים** לא איקרי קהל, ווי עס איז מבואר אין גמ' (שם ו, ב).

און וויבאלד אז דא איז דער נשיא המקריב געווען דער נשיא לבני אפרים - איז מסקנת הפסיקתא אז דאס וואס זיין קרבן האט מען מקריב געווען שבת איז ניט קיין דבר הרצוי,

וואס כל זה איז, כאמור, בדברי הפסיקתא; אבער, כנ"ל, איז דעת הבמד"ר אז דורך דעם וואס דער נשיא לבני אפרים האט מקריב געווען בשבת, האט זיך אויפגעטן א געוואלדיקער עילוי, "אני אמרתי כו'".

**כא.** דער ביאור הענין פון דעם עילוי וואס האט זיך אויפגעטאן דורך דעם וואס דער נשיא לבני אפרים האט מקריב געווען בשבת:

געוויינליך, ע"פ תורה, טאר מען ניט מקריב זיין קיין קרבן היחיד בשבת, ד.ה. אז נאך די געוויינליכע מדידה פון שבת ע"פ תורה - טאר מען ניט מקריב זיין קיין קרבן היחיד בשבת, און דא איז צוגעקומען, אז מ'האט געמעגט מקריב זיין בשבת, און דאס איז געווען, כנ"ל, דוקא דורך דעם וואס "אני אמרתי כו'", ד.ה. אז דאס איז אן ענין וואס איז נעלה יותר פון די מדידה פון שבת שע"פ תורה, און דער עילוי קומט דוקא פון דעם אויבערשטן, ניט דורך עבודת האדם אין "תמידים כסדרם", "אני אמרתי".

וואס דאס איז אייגענטליך אויך דער כללות העילוי פון שבט אפרים אויף די אנדערע שבטים:

דער נאמען ראובן, לדוגמא, איז ע"ש "כי ראה ה' בעניי כי עתה יאהבני אישי", אויך דער נאמען איז בשייכות מיט דעם ענין פון "בעניי" - אבער וואס קומט ארויס דורך דעם - "כי עתה יאהבני אישי", וואס אהבת איש ואשה איז ע"פ תורה אן ענין פון תמידים כסדרם.

משא"כ דער שם אפרים איז ע"ש "כי הפרני אלקים בארץ עניי" אז עס ווערט "הפרני", מערער און העכער ווי תמידים כסדרם.

ועד"ז איז, כאמור, דער געוואלדיקער עילוי פון הקרבת קרבן הנשיא פון אפרים בשבת, אז דאס איז אן ענין וואס איז העכער ווי די מדידה פון שבת ע"פ תורה, העכער ווי עבודת האדם ע"פ תורה, און דאס קומט דוקא פון דעם אויבערשטן, "אני אמרתי".

**כב.** עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דברי המדרש הנ"ל:

דער מדרש (שם), זאגט אז צוליב דעם וואס יוסף האט אפגעהיט שבת האט מען אים געגעבן דעם שכר אז "בנך.. מקריב קרבנו בשבת".

וואס לכאו' איז דאס א דבר והיפוכו: יוסף האט אפגעהיט שבת - גיט מען אים דערפאר א שכר אז זיין זון זאל מקריב זיין בשבת, אז זיין זון זאל **ניט** אפהיטן שבת - א דבר והיפוכו!

וע"פ הנ"ל איז דאס פארשטאנדיק, ווארום דאס וואס "בנך", דער נשיא לבני אפרים, איז מקריב בשבת - איז ניט קיין חילול שבת (ח"ו), נאר **אדרבה** - ס'איז נאך א גרעסערער עילוי ווי שמירת שבת שע"פ תורה סתם.

**כג.** דוגמא לדבר (אז אע"פ אז עס פעלט לכאו' אין שבת קומט צו דורך דעם א גרעסערער עילוי):

מען האט כמ"פ מבאר געווען דעם ענין וואס פקו"נ דוחה שבת (יומא פג, א (במשנה). רמב"ם הל' שבת פ"ב ה"א. טושו"ע (ואדה"ז) סשכ"ח ס"י (ס"ב יג)), אז ס'איז מובן בפשטות, אז ס'איז ניט דער פשט אז דאס איז פועל א חסרון אין שבת, נאר - דורך דעם וואס שבת זאגט אז מ'זאל איר ניט אפהיטן און ראטעווען דעם נפש - טוט זיך נאך אויף אן עילוי אין קדושת שבת, וכלשון הידוע "מצוה **בגדול**".

ווארום, דער גאנצער ענין פון שבת איז, אז עס זאל צוקומען אידישקייט, צוקומען קדושה, און צוקומען אידישקייט און קדושה אין עולם, אין דעם עולם וואס איז באשאפן געווארן בשבעת ימי בראשית - איז אויב שבת זאל זאגן אז עס זאל פעלן א איד ח"ו - וואלט דאך דורך דעם געפעלט אין "גוי קדוש", אין קדושה, און עס וואלט אנגערירט אויך (די קדושה פון) דער גאנצער וועלט, ווארום יעדער איד איז

אן "עולם מלא" (סנהדרין לא, א), און ער דארף זאגן "בשבילי נברא העולם" - וואלס עס געפעלט אין דער גאנצער ענין פו שבת,

זאגט דעריבער שבת פארקערט, אז מ'זאל פארהיטן דעם פקו"נ בשבת.

עס הויבט זיך טאקע אן פון פקוח נפש **דוחה** שבת, דערנאך ווערט עס אבער ע"ד ווי "הותרה", און דערנאך - אן עילוי נעלה יותר ווי שבת, אז דורך דעם **קומט צו** קדושה בשבת.

וע"ד ווי מ'זאגט בא דעם מן, "ברכו (דעם שבת) במן": (יתרו כ, יא. ב"ר פי"א, ב. מכילתא (הובא בפירש"י) עה"פ. וראה אוה"ת בשלח ע' תרלח-ט. המשך תער"ב ח"ב ע' א' ס"א, א'פו, לקו"ש חט"ז ע' 173 ובהערה 7), מיט דעם וואס "**לא** ירד בו (בשבת) כל עיקר", וואס דאס זעט אויס לכאו' ווי א חסרון בשבת, "לא ירד", איז גאר אן עילוי וברכה אין שבת, "במן".

**כד.** דער ענין (אז דורך פקו"נ קומט צו אן עילוי אין שבת) קומט ארויס אויך אין נגלה:

א טעם אין נגלה פארוואס פקו"נ איז דוחה שבת איז - "חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה" (שבת קנא, ב. יומא פ"ה, ב), ד.ה. אז **די פעולה** וואס ער טוט איצטער בשבת טוט אויף די אלע פעולות שלאח"ז אין אלע שבתות.

קומט אויס דערפון, אז דורך די פעולה וואס ער טוט איצט מצד פקו"נ ברייננגט ער אן עילוי נעלה יותר אין שבת, ווי אין שמירת שבת שע"פ הרגיל.

וואס עד"ז איז דאס אין דעם ענין פון הקרבת נשיא לבני אפרים בשבת - אז דאס איז א גרעסערער עילוי ווי שמירת שבת שע"פ תורה סתם,

וכאמור, דאס קומט דוקא פון דעם אויבערשטן, ניט ע"י עבודת האדם שע"פ תורה, "**אני אמרתי**".

**כה.** דוגמא לדבר (אז ס'איז אן ענין וואס איז העכער פון עבודת האדם שע"פ תורה און דאס קומט דוקא פון דעם אויבערשטן):

א מענטש טאר זיך ניט ארייננשטעלן אין א נסיון אליין, און יעדער טאג פארן דאוונען (נוסח ברכת השחר (ברכות ס, ב)), בעט מען "אל תביאנו... לידי נסיון"; אעפ"כ זעט מען, אז בשעת דער אויבערשטער שטעלט אים צו א נסיון, און ער איז דאס ביי'געשטאנען - איז דאס א שטארקערער ענין ווי תורה ומצוות סתם (ראה לקו"ת ראה יט, ב, ואילך. דרמ"צ קפה, ב ואילך. ד"ה נתת ליראיך פר"ת (סה"א פר"ת ע' קה ואילך) ד"ה וידעת תרנ"ז (ע' 14), מכתב כ"ק אדמו"ר מהורש"ב מ"ד אדר תרנ"ז (נדפס בהוספות לד"ה וידעת הנ"ל ע' 20 ואילך). ד"ה כי אנסה תש"ח (סה"מ תש"ח ע' 94 ואילך), ד"ה נתת ליראיך תשי"א (סה"מ תשי"א ע' 289 ואילך)), און ווי דער ענין פון "והאלקים נסה את אברהם" (וירא כב, א. וראה דרמ"צ שם קפו, ב. ד"ה נתת ליראיך הנ"ל).

קומט אויס, אז ע"י עבודתו ע"פ תורה קען ער ניט צוקומען צו דער עלי' וואס איז העכער פון תורה ומצוות סתם וואס ווערט דורך ביישטיין א נסיון, נאר דער עילוי קומט דוקא פון דעם אויבערשטן.

**כו.** נאך א דוגמא לדבר:

עס איז דא דער עילוי נעלה פון תשובה, אבער א מענטש ע"י עבודתו ע"פ תורה קען דערצו ניט צוקומען - "האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה" (יומא פה, ב (במשנה). רמב"ם הל' תשובה פ"ד ה"א), און אפילו אז ער איז

מבטיח אז ער וועט תשובה טאן, און ער ברייגנט דערצו ראיות - איז "אחטא ואשוב" היפך הדין.

אבער אויב מאיזה סיבה שתהי' איז "חטא ופגם ועבר את הדרך" - איז דעמאלט אדרבה, אויב "דחק ונתחזק ונתגבר על יצרו" (אגה"ת פי"א (ק, ב)), קומט ער צו צו מעלת הבע"ת (אגה"ת שם), וואס "במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד כו'" (רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד).

וואס אייגענטליך אויך די ירידה איז בכוונה מלמעלה, וואס די גאנצע כוונה פון די ירידה איז צוליב די עלי'.

ד.ה. אז דער **כללות** הענין פון צוקומען צו מעלת התשובה קען א מענטש ניט צוקומען ע"י עבודתו הרגילה, שע"פ התורה, און ער קען צו דעם צוקומען דוקא ע"י דעם אויבערשטן.

**כז.** וואס עד"ז איז דאס אין דעם ענין פון הקרבת הנשיא לבני אפרים בשבת, אז מען איז צוגעקומען צו א געוואלדיקער עילוי, העכער ווי מדידה פון שבת ע"פ תורה, וואס דאס קומט ניט ע"י עבודת האדם ע"פ התורה (ווארום ע"פ דעם **טאר מען ניט** מקריב זיין בשבת), נאר עס קומט דוקא מלמעלה "אני אמרתי".

וע"ד ווי ס'איז געווען בא אליהו בהר הכרמל אז מען האט מקריב געווען בחוץ (מ"א קאפיטל יח), צוליב מוכיח זיין קעגן די נביאי הבעל, כאטש ע"ד הרגיל טאר מען דאס ניט טאן - כהוראת שעה (יבמות צ, ב. ספרי עה"פ שופטים יח, טו. רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ט ה"ג), און נאך כמה וכמה דוגמאות פון מצוות.

**כח:** עס זיינען אויך דא דוגמאות צו דעם ענין פון המבואר אין חסידות:

אין לקו"ת פ' ברכה (צט, ב ואילך), רעדט זיך, אז עס זיינען דא מצוות וואס זיינען ניט תלוי אין דעם מענטשנ'ס רצון, וואס דורך זיין רצון קען ער דערצו ניט צוקומען, און ער קומט צו דעם צו דוקא אז ס'איז שלא ברצונו, ווי לדוגמא מצות שכחה, וואס די מצוה קומט דוקא שלא ברצונו,

ועד"ז אויך דער ענין הנשיאות, וואס מ'קען דערצו ניט צוקומען ברצונו, ווארום "כל הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו" (ראה עירובין יג, ב), און דוקא בשעת ער איז "בורח מן הכבוד" איז "הכבוד רודף אחריו".

ד.ה. אז לכתחילה דארף ער דאס ניט וועלן און דוקא דורך דערויף גיט מען אים דאס מלמעלה.

וואס עד"ז איז דאס אין דעם ענין פון הקרבת הנשיא לבני אפרים, אז דאס איז אן ענין וואס מ'קען דערצו ניט צוקומען דורך עבודת האדם שע"פ תורה, און עס קומט דוקא מלמעלה.

**כט.** אין דעם ענין פון א נשיא, אז דוקא דורך דעם וואס ער איז "בורח מן הכבוד" איז "הכבוד רודף אחריו" - איז דא אן עילוי מיוחד וואס איז ניטא אין די דוגמאות האמורות לעיל:

אין די דוגמאות האמורות לעיל, קומט מען צו צו דער עילוי וואס איז העכער ווי עבודת האדם ע"פ התורה - דורך דעם וואס עס איז דא אן ענין של **ירידה**, וואס דאס איז פועל אז עס זאל ווערן אן עילוי נעלה יותר,

משא"כ אין דעם ענין הנשיא - קומט ער צו די מעלה הנ"ל, ניט דורך אן ענין של ירידה, נאר דורך דעם וואס ער טוט עבודתו באופן הרצוי, דורך דעם וואס ער איז "בורח מן הכבוד".

וואס כאמור, מיט דעם איז דער ענין הנשיא אויסגעטיילט פון די אנדערע דוגמאות האמורות לעיל:

ולדוגמא, אין דעם ענין הנ"ל פון פקו"נ, אז דורך דעם וואס מ'טוט אן ענין פון פקו"נ בשבת קומט צו אן עילוי אין שבת - איז דאס פארבונדן מיט דעם וואס ס'איז דא א סכנה אין א נפש, וואס דאס איז ע"ד ענין הירידה וואס ברייינגט צו די עלי' נעלית, ועד"ז זאגט מען דארט "חלל שבת כו'", אז דאס איז עכ"פ איזה ענין פון חילול,

ועד"ז אין דעם ענין פון מצות השכחה, אז מ'קומט צו צו אן עילוי נעלה יותר ווי במצוות וואס זיינען תלוי ברצונו - איז דאך שכחה א דבר בלתי רצוי, ביז ווי ער איז מבאר אין הלכות תלמוד תורה (לאדה"ז - פ"ב ה"י), אז "אין שכחה לפני כסא כבודך" (ברכות לב, ב. ילקו"ש תהלים רמז תתפ"ו, מדרש תהלים עה"פ קלז, ז), וואס דערפאר איז אין אמת'ן ביי אידן ניטא קיין שכחה, ווייל דארטן ("לפני כסא כבודך") איז זיין ארט,

און דער גאנצער ענין השכחה איז געווארן דורכן חטא העגל, און אן דערויף וואלט עס ניט געווארן (ראה עירובין נד, א).

קומט אויס, אז אין די דוגמאות קומט מען צו דעם עילוי שלמעלה ווי אין עבודת האדם סתם - דורך איזה ענין של ירידה עכ"פ;

משא"כ בא דעם ענין הנשיא איז ניטא קיין ענין של ירידה, און ער קומט צו צו דעם עילוי דורך דעם וואס ער טוט עבודתו באופן הרצוי, דורך דעם וואס ער איז "בורח מן הכבוד".

ועד"ז איז דאס אויך אין דעם ענין פון הקרבת נשיא לבני אפרים בשבת, אז ער האט מקריב געווען דעם קרבן, און ס'איז א קרבן רצוי, ביז אז "אני אמרתי כו'", (ווארום דאס איז דוקא דורך דעם וואס) **דער אויבערשטער זאגט** אז ס'איז רצוי;

ס'איז אן ענין רצוי לגמרי וביחד עם זה קומט מען צו למעלה ווי די מדידה פון תורה; אע"פ אז ס'איז ניט (קיין ענין של ירידה) "בארץ עניי" קומט מען צו צו "הפרני".

**ל.** ועפ"ז איז פארשטאנדיק נאך מער דער ענין השכר וואס דער אויבערשטער האט געגעבן יוסף'ן אויף שמירת שבת, דער "וטבח טבח והכן":

אויב דער אויבערשטער וואלט געגעבן יוסף'ן שכר אז הוא ובניו זאלן **היסן** שבת - איז דאס ניט קיין געוואלדיקער שכר, ווארום דאס איז מעין הפעולה; אפילו אויב דער אויבערשטער וואלט אים געגעבן שכר אז ער זאל ניט נתפעל ווערן פאר שוועריקייטן, וואס דורך דעם, די "ירידה" וואס עס זיינען דא שוועריקייטן קומט מען צו אן עילוי וואס איז העכער פאר שמירת שבת שע"פ תורה - וואלט עס אויך ניט געווען אזא געוואלדיקער שכר -

דער אויבערשטער האט אים געגעבן שכר אז "בנך...**מקריב** קרבנו בשבת", און דורך דעם קומט ער צו דעם עילוי פון "אני אמרתי" (ווארום מ'קען דערצו צוקומען נאר דורך "אני אמרתי") - ער האט דער עילוי שלמעלה ווי שמירת שבת ע"פ תורה סתם, און ניט דורך אן ענין של ירידה, נאר דאס איז עבודתו **הרצוי'**, וואס דאס איז דער עילוי ושכר מיוחד וואס דער אויבערשטער האט געגעבן יוסף'ן אויף שמירת שבת.

**לא.** און אט דאס איז דער עילוי פון אפרים אויף די אנדערע שבטים, ווי לדוגמא אויף ראובן, וואס ער ווערט אנגערופן ראובן ע"ש "כי ראה ה' בעניי על כן יאהבני אישי", אן ענין פון תמידים כסדרם, כנ"ל - אז אפרים איז ע"ש "כי **הפרני** גו'", העכער ווי תמידים כסדרם,

און אע"פ אז אויך בא ראובן איז דאס דער עילוי וואס קומט דורך "בעניני", אעפ"כ ביי אפרים איז דא דער עילוי, אז ער קומט צו העכער ווי דורך עבודת האדם שע"פ תורה ניט דורך אן ענין בלתי רצוי נאר דורך אן ענין רצוי, וואס דוקא דאס איז דער תכלית העילוי, ביז אז "אני אמרתי", כנ"ל.

**לב.** די הוראה מכל האמור לעיל:

עס דארף זיין די עבודה שבדוגמת ענין הנשיאים, וואס יעדער נשיא גיט אפ מענינינו, ווארום ער דארף דאך זיין "עוסק בצרכי ציבור באמונה" (נוסח מי שברך לשבת (בשינוי קצת)), וואס תפקידו איז "אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם" (פנחס כז, יז), וואס צוליב דעם דארף ער זיך אראפלאזן אין א ירידה לפי ערכם.

ע"ד ווי ס'איז געווען בא משה אז דער מן האט געדארפט קומען דוקא ע"י משה, אע"פ וואס ס'איז לחם גשמי, ווארום הגם אז ס'איז לחם מן השמים - איז דאס אבער לחם וואס איז שייך צו דעם גוף הגשמי, און עס איז געקומען ע"י תלונה (בשלח טז, ב).

ועד"ז בא דעם ענין וואס איז געקומען ע"י תלונה אחרי תלונה, דעם ענין הבשר, וואס משה האט געזאגט "מאין לי בשר" (בהעלותך יא, יג), ווי דער אלטער רבי איז מבאר (לקו"ת בהעלותך לא, ד. לג, ב), אז משה איז ענינו - ענינים וואס זיינען העכער דערפון, און וועגן בשר - זאגט משה: "מאין לי בשר", ס'איז א סברא אז **דאס** דארף צו זיי אנקומען ע"י אחרים!

זאגט דער אויבערשטער צו משה'ן: ניין! וויבאלד אז דאס איז דורו של משה, דארף זיין "ואצלתי מן הרוח אשר **עליך**" (בהעלותך שם, יז), עס דארף קומען דוקא דורך דיר; וויבאלד אז מ'דארף דאס מצמצם זיין אז עס זאל זיין בשר בערך **שלהם** דארף עס אנקומען דורך א ממוצע, אבער דורך **משה'ן** -

איז וויבאלד אז דאס אלץ דארף קומען דורך משה'ן - פאדערט עס אז משה זאל זיך אראפלאזן אין א ירידה לפי ערכם.

וע"ד ווי דאס איז געווען בא משה איז דאס אויך בא די י"ב נשיאים [וואס אויך צו זיי איז געווען א ירידה פון משה, ווי עס שטייט אז זיי זיינען געקומען צו משה ואהרן און זיי געפרעגט וועגן דער סדר הקרבנות], און ווי מ'זאגט "הטל עליהן צרכי צבור כו'" (סנהדרין יז, א).

ואע"פ אז מ'זאגט (ברכות לב, ב. וראה פרש"י שם), אז "תורתן האיך משתמרת - מתוך שחסידים הם תורתם משתמרת" אדער ווי דער צווייטער לשון "ברכה ניתנת בתורתן" - פעלט אבער בא זיי דער "יגעת ומצאת" (מגילה ו, ב), דער "לאפשא לה" (זח"א יב, ב), ועאכו"כ בשעת ס'איז נאר "משתמרת" און עס פעלט דער "מתברכת" (ראה לקו"ש חט"ז ע' 375).

**לג.** דערפון דארף זיין א הוראה בפשטות פאר כל אחד ואחד, ווארום בא כאו"א איז דא בחינת משה, [ווי ער זאגט אין תניא (רפמ"ב), און ווי ער איז מבאר דארט אז דערפאר מאנט מען ביי יעדן אידן דער ענין פון יראה, ווארום "לגבי משה מילתא זוטרתי היא" (ברכות לג, סע"ב) און יעדער איד האט אין זיך בחי' משה], וואס די הוראה פון "הפרני... בארץ עניי" בפשטות - איז:

מ'רעדט אז מ'דארף ארויסגיין אין "ארץ עניי" אין גאס און דארטן מקרב זיין אן אידן צו תורה ומצוות, איז בשעת ער גייט ארויס אויפן גאס, און ער דערזעט אז ס'איז "ארץ עניי" - האט ער א ברירה, ער קען צוריק אריינלויפן אין "מקדש מעט", אין די ד' אמות פון תורה ומצוות,



הנחה פרטית בלתי מוגה